ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | **פרשת ויגש** | שנת תשע"ב

**ויגש אליו יהודה:** דער **בעל הטורים** זאגט **ויג'ש אלי'ו יהוד'ה** איז די סופי תיבות **שו"ה**, ווייל יהודה האט געזאגט פאר יוסף **אני שוה לך**, איך בין איינעג מיט דיר. דארף מען פארשטיין ווי אזוי שטימט דאס מיט דעם וואס רש"י זאגט אז **מכאן אתה למד שדיבר אליו קשות**, אז יהודה האט גערעדט שטרענג צו יוסף.

ענטפערט דער **עיר דוד** בהקדם וואס **דער יד יוסף** איז מסביר ווי אזוי האט פרעה געקענט עובר זיין אויף די געזעצן פון מצרים און מאכן א עבד פאר א מלך, ווייל פרעה האט גע'טענה'עט **הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו**, יוסף איז א אויסנאם וואס איז נישטא נאך אזא איינער ווי ער, ממילא דארף מען נישט מורא האבן אז דאס וועט ברענגען א התרשלות אינעם געזעץ און קנעכט וועלן אנהייבן צו קעניגן, ווייל נאך אזוינס ווי יוסף איז סיי ווי נישטא.

מיט דעם פארשטייט מען וואס עס זענען געווען די שטרענגע רייד פון יהודה, ווייל יהודה האט אים געזאגט **כי כמוך כפרעה**, אז פרעה איז א גוזר ואינו מקיים, ווייל ער האט געמאכט א עבד פאר א מלך, איי וועסטו זאגן אז דו ביסט א אויסנאם ווייל דו ביסט א יחיד במינך, וועל איך דיר זאגן **אני שוה לך**, איך האב אלע מעלות פונקט ווי דיר, ממילא האט פרעה נישט געהאט קיין רעכט דיך צו מאכן א מלך, ווייל ביסט נישט דער איינציגסטער אזא מענטש.

*

**לכולם נתן לאיש חליפות שמלות ולבנימין נתן שלש מאות כסף וחמש חליפות שמלות:**

די גמרא אין מס׳ מגילה (דף ט"ז ע"א) מוטשעט זיך צו פארענטפערן פארוואס יוסף האט געגעבן פינף קליידער פאר בנימין, און ער האט נישט מורא געהאט פאר די קנאה פון די ברודער. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס פון די שלש מאות כסף רעדט נישט די גמרא, וואס קוקט אויס אז דאס איז יא א פארשטענדליכע זאך.

זאגט דער **חיד"א בשם הרוקח** ווייל די גמרא זאגט אין מס׳ גיטין (דף מ"ד) אז ווען איינער פארקויפט זיין קנעכט פאר א גוי, האבן חז"ל אים גע'קנס'עט אז ער דארף אים אויסלייזן ביז צען מאל זיין פרייז. אין די תורה זעהן מיר אז דער פרייז פון א עבד דרייסיג זילבערנע שקלים. און צען מאל אזויפיל איז דריי הונדערט שקלים.

קומט אויס אז באמת וואלטן אלע צען ברודער וואס זענען געווען שותפים אין די מכירה געדארפט באצאלן דריי הונדערט שקלים ווייל זיי האבן פארקויפט יוסף. יעצט אבער ווען זיי זענען יעצט געוואויר געווארן אז יוסף איז נישט קיין עבד נאר א מלך, דארפן זיי נישט באצאלן, האבן זיי יעצט פארדינט דריי הונדערט שקלים.

דער איינציגסטער וואס האט יעצט גארנישט מרוויח געווען איז געווען בנימין וואס ער איז נישט געווען קיין שותף אין די מכירה, וועגן דעם האט אים יוסף באצאלט דעם סכום אז ער זאל זיין גלייך מיט יעדן.

*

**אל תרגזו בדרך:** זאגט רש"י "אל תתעסקו בדבר הלכה שמא תרגז עליכם הדרך", ממילא זאל מען נישט לערנען אויפן וועג. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דאס נאר יוסף אנגעזאגט, און נישט יעקב אבינו בשעת ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען?

ענטפערט **דער רבי ר׳ יונתן זי"ע** אין **יערות דבש** אז די גמרא זאגט אין מס׳ קידושין, **לעולם ישליש אדם שנותיו, שליש במקרא, שליש במשנה, שליש בתלמוד**, פרעגט די גמרא ווייסט דען א מענטש וויפלאנג ער וועט לעבן אז ער זאל דאס קענען איינטיילן אין דריי. ענטפערט די גמרא **ליומא**, ווי תוס׳ איז מסביר מיינט דאס אז מ'זאל יעדן טאג איינטיילן אין דריי און לערנען פון אלע חלקי התורה.

דעריבער קען זיין אז ווען יעקב אבינו האט זיי געשיקט האט ער נאך געמיינט אז יוסף הצדיק איז געשטארבן, און די הבטחה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אז זיינע קינדער וועלן נישט שטארבן בחייו איז בטל געווארן, ממילא האט ער זיי נישט געקענט אנזאגן אז זיי זאלן נישט לערנען אויפן וועג, ווייל זיי מוזן יעדן טאג לערנען פון אלע דריי חלקי התורה, ווייל קיינער ווייסט דאך נישט וויפלאנג ער וועט לעבן.

אבער יוסף הצדיק האט דאך געוואוסט אז די הבטחה איז נישט בטל געווארן, ממילא וועלן זיי יא האבן אריכות ימים, דעריבער דארף מען נישט איינטיילן יעדן טאג צו לערנען הלכות, נאר זיי וועלן ממשיך זיין צו לערנען אינדערהיים.

## ועתה אל תעצבו

דער הייליגער **תפארת שלמה** זאגט **חכמינו ז"ל** זאגן אין **ועתה אלא לשון תשובה**, ממילא האט יוסף הצדיק געזאגט פאר זיינע ברודער, כאטש **ועתה**, עטס דארפט טון תשובה אויף דעם וואס איר האט געטון ווען איר האט מיך פארקויפט, אבער **אל תעצבו**, מיט עצבות טוט מען נישט קיין תשובה, ווייל תשובה איז א מצות עשה מן התורה, און א מצוה דארף מען מקיים זיין מיט שמחה, ווי עס שטייט אין פסוק **עבדו את ה׳ בשמחה**, א בעל תשובה דארף זאגן **ועתה** פון יעצט אנגעהויבן בין איך א נייער מענטש און איך טו תשובה אבער נאר מיט פרייליכקייט און שמחה.

# אוצר הידיעות

## די אוצרות פון יוסף הצדיק

מיר לערנען די וואך אין די סדרה ווי אזוי יוסף הצדיק האט באוויזן צוזאמען צו נעמען אין די הונגער יארן אלע געלט און פארמעגנס פון ארץ מצרים און פון די גאנצע וועלט. וועט זיין אינטערעסאנט צו זעהן וואס די גמרא אין מסכת פסחים (דף קי"ט) דערציילט אונז וואס עס איז געווארן מיט די אלע אוצרות.

דערציילט די גמרא אז ווען אידישע קינדער זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים האבן זיי מיטגענומען די אלע אוצרות, ווי דער פסוק זאגט וינצלו את מצרים, אז זיי האבן געמאכט מצרים ווי א אפגרונד פון ים וואו עס איז נישטא קיין פיש. און די אוצרות זענען געווען אין ארץ ישראל ביז די צייטן פון רחבעם בן שלמה המלך.

אין יענע צייט איז געקומען שישק מלך מצרים און אוועק גענומען פון רחבעם, זרח מלך כוש האט עס אוועק גענומען פון שישק, אסא מלך יהודה האט דאס אוועק גענומען פון זרח און געשיקט פאר הדרימון בן טברימון מלך ארם, זענען געקומען די בני עמון און אוועק גענומען פון הדרימון בן טברימון, איז געקומען יהושפט מלך יהודה און אוועקגענומען פון די בני עמון, און עס איז געבליבן ליגן ביז די צייטן פון אחז. ביז סנחריב איז געקומען און דאס אוועק גענומען פון אחז, איז געקומען חזקי' מלך יהודה און אוועק גענומען פון סנחריב, און דאס איז געבליבן ליגן ביי די אידן ביז די צייטן פון צדקיהו. זענען געקומען די כשדים און האבן דאס אוועק גענומען פון צדקיהו, זענען געקומען די פרסים און אוועק גענומען פון די כשדים, זענען געקומען יוונים און אוועק גענומען פון די פרסים, זענען געקומען די רוימים און אוועק גענומען פון די יוונים, און ביזן היינטיגן טאג ליגט עס אין רוים.

עס איז כדאי צו פארצייכענען וואס די גמרא דערציילט אין פסחים (דף קי"ח) ווי גרויס מלכות רומי איז געווען. אז די הויפט שטאט פון רומי האט געהאט 365 גאסן, וואס יעדע גאס האט געהאט 365 פאלאצן, וואס יעדע פאלאץ האט געהאט 365 אפטיילונגען, וואס פון יעדע איינע פון זיי איז געווען גענוג צו שפייזן די גאנצע וועלט.

וועגן די אוצרות פון יוסף דערציילט די גמרא דארט אז יוסף הצדיק האט באהאלטן דריי אוצרות אין מצרים, איינס איז אנדעקט געווארן פאר קרח, איינס פאר אנטונינוס בן אסוירוס, און איינס ליגט אוועק געלייגט פאר די צדיקים אויף לעתיד לבא.

ווי גרויס די עשירות פון קרח איז געווען דערציילן חכמינו ז"ל אז דריי הונדערט ווייסע פרידות האבן געטראגן די שליסלעך פון זיינע שאץ קאמערן.

# אוצר רבותינו

## צושטערט די גזירה

אינעם לעצטן יאר איידער **הרה"ק רבי ישכר בער מראדישיץ זצ"ל** איז נסתלק געווארן בשנת תר"ג לפ"ק, איז ארויס א גזירה אז אלע אידן דארפן זיך שטעלן צו מיליטער דינסט.

דער **הייליגער ראדישיצער זי"ע** האט מרעיש עולמות געווען אז די גזירה זאל נישט צושטאנד קומען. צווישן די האט ער געשיקט א חסיד מיט א ספר תורה צום ציון פונעם **יו"ד הקדוש** אין פארשיסחא מתפלל זיין אז די גזירה זאל בטל ווערן. ווייל דער הייליגער יו"ד הק' האט אנגעזאגט פאר זיינע תלמידים פאר זיין פטירה, אז אויב עס וועט זיין א עת צרה און מ'וועט דארפן א ישועה זאל קומען צען מענטשן אויפן קבר, און די גזירות וועלן בטל ווערן.

יענעם שבת האט דער ראדישיצער רבי געטייטשט ביי די תורה **ויגש אליו יהודה**, דאס כנסת ישראל וואס הייסט יהודה טרעט צו צום רבש"ע און זאגט **בי אדוני**, איך בעט דעם הייליגן באשעפער, **ידבר נא עבדיך דבר באזני אדוני**, הער צו מיינע רייד וואס איך בעט, **ואל יחר אפך בעבדך**, זיי נישט אין צארן אויף דיינע קינדער און זיי מבטל די גזירה, **כי כמוך כפרעה** ווייל פונקט ווי פרעה איז א גוזר ואינו מקיים, קענען צדיקים אויך מבטל זיין די גזירות, איז דאך א שאד ארויסצוגעבן גזירות.

דערנאך האט ער זיך אנגעכאפט ביי די בארד און געזאגט **"ווילאנג די בארד איז אויף די וועלט וועט די גזירה נישט זיין, און אידן וועלן נישט גיין אין מיליטער"**.

איין טאג דערויף איז אנגעקומען א שליח פון פעטערבורג אז די גזירה איז בטל געווארן.

# יגעת ומצאת

די קומענדיגע וואך זונטאג וועט זיין די יארצייט פון **הגה"ק רבי יחזקאל שרגא האלבערשטאם זי"ע, דער שינאווער רב**. ווי באקאנט זענען רבותינו הק' זי"ע געווען זייער שטארק אדוק אין די הייליגע גזע פון צאנז-שינאווע, דער הייליגער **ייטב לב** איז געווען א מחותן און זייער נאנט צום הייליגן **צאנזער רב** זי"ע, און דער **קדושת יו"ט** זי"ע איז געווען א פייערדיגער צאנזער חסיד, אויך דער רבי בעל **דברי יואל** זי"ע פלעגט רעדן פון צאנז און שינאווע מיט א געוואלדיגן ברען, און ער האט זיך געהאלטן ווי א חסיד פון די צדיקים. און דער רבי בעל **ברך משה** זי"ע וואס איז געווען א אייניקל פונעם צאנזער רב פלעגט אויך כסדר רעדן פון זייער הייליגקייט.

דעריבער וועלן מיר די וואך באשטימען דעם סדר פון "יגעת ומצאת" איבער די הייליגע משפחה לבית צאנז-שינאווע.

**דער שינאווער רב זי"ע - בנו בכורו של - בעמח"ס - נפטר. נולד ־ נפטר ביום, שנת, ווי אלט איז ער געווען? - חתן - בעמח"ס - אב"ד - חתן - בזו"ש - בזו' שלישי - בזו' רביעי - בזו' חמישי ־ מקודם שימש ברבנות בעיר - אח"כ בעיר - אח"כ בעיר - ולבסוף בעיר - שמות ששה אחיו הק' ־ שמות חמשת בניו הק'.**

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ח')....

**חו"ל, ח"ו, חדב"נ, חוב"ט, חתי"ק, חו"מ, חוהמ"פ, חכ"א, חכז"ל, ח"ק**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון חנוכה

**א.** ג"א תרכ"ב, בתקופת בית שני.

**ב.** שטח ביהמ"ק ראשון נקנה ע"י דהמע"ה מארונה היבוסי, ונבנה ע"י שלמה המלך בשנת ב"א תתקכ"ח, ועמדה ת"י שנה עד ג"א של"ח. שאז הגלה אותם נבוכדנאצר לבבל על ע' שנים.

**ג.** בית שני נבנה בשנת ג"א ת"ח, ע"י עזרא, ונחמי'. ועמדה ת"כ שנים עד שנת תתכ"ח.

**ד.** נס חנוכה היה 214 שנים אחרי בנין בית שני. 217 שנים אחר נס פורים.

**ה.** מתתיהו כהן גדול. יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר, יונתן. חשמונאים.

**ו.** ז' מצות דרבנן: 1) עירובין 2) נטילת ידים 3) ברכות 4) הלל 5) קריאת המגילה 6) נר חנוכה 7) נר שבת.

### תי' על ראשי תיבות

ז"פ: ז' פעמים – זוה"ק: זוהר הקדוש – זש"ק: זרע של קיימא - זי"ע: זכותו יגן עלינו - זצוק"ל: זכר צדיק וקדוש לברכה - זשאה"כ: זה שאמר הכתוב – זט"ה: ז' טובי העיר - זל"ט: זכור לטוב - זלה"ה: זכרונו לחיי העולם הבא – זל"ז: זה לזה